בעזהשי"ת

# דורותינו

א פלאטפארמע פאר אייך - איבער אייערע דורות

גליון כ"א
**עש"ק**
**פ' פקודי**
תשפ"ד
לפ"ק

הפצה נתנדב ע"י:

הר"ר אבא גאלדבערגער הי"ו

הר"ר יצחק יהודה ראזענבערגער הי"ו

הר"ר אברהם זילבער הי"ו

לע"נ רבי יצחק אייזיק ב"ר משה יחזקאל זצ"ל - מקאלוב

לע"נ רבינו יואל ב"ר חנני' יו"ט זי"ע

תשוח"ח להם, יהי"ר שיזכו לראות רוב נחת מכל יוצאי חלציהם ולהתברך בכל מילי דמיטב.

**פאקטישע שינויים:** היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך עד...

# טריפה'נע 'סייענס' ביכלעך ווערן ארייגעברענגט אין די הייליגע חדרים רח"ל

## ווערט אראפגענומען פון די פאליצעס נאך שטורעם פון עלטערן

### קידוש החודש אדער געהעריגע סייענס לויט די ניו יארק סטעיט סטענדערדס?

די וואך איז אויפגעדעקט געווארן אז עס זענען געפינען געווארן אין איינע פון די היימישע מוסדות אין וויליאמסבורג ביכער וואס ענטהאלטן אין זיך געהעריגע לימודים פון סייענס, אויף א וועג נאכצוקומען די ניו-יארק סטעיט 'סייענס סטאנדארטן'.

דאס רעדט זיך פון איינע פון די מוסדות וואס האט די פארגאנגענע וואך פרייטאג געהאט דעם דעדליין ארייינצוגעבן א טיים פלאן פאר די רעגירונג, צו ווייזן וויאזוי מען נעמט זיך אונטער צו לערנען אלעס וואס די רעגירונג פארלאנגט רח"ל.

די ביכער -מיט א 'עמטליכער' זיגל פון דעם מוסד אלס הכשר אויף די טריפה'נע ביכער-, פארמאגט אויפן צווייטן זייט דעקל א מפתח פון די 'סייענס' ענינים וואס דער ביכל ענטהאלט, צוגעפאסט צו די טריפה'נע רעגירונג 'סייענס סטאנדארטן', אויך ווערט באמערקט אויפן דעקל אז דאס איז שוין די צווייטער חלק פון די סעריע פון די סארט 'סייענס' ביכער, זעהט אויס אז עס נישט די ערשטע פון די סעריע ביכער וואס מען לערנט שוין ליידער חכמות חיצוניות.

ווי פארשטענדליך אז א ביכל וואס איז אוועקגעשטעלט נאכצוקומען די רעגירונג סטאנדארטן פון 'סייענס', מוז דאס זיין געבויט אויף זייערע פארשריפטן וואס איז די מהלך פון 'עמפיריקל עווידענס', וואס דאס איז די יסוד פון די אפיקורס'ישע שיטה וויאזוי אפצולערנען סייענס רח"ל, דעריבער אפילו ווען מען זעהט נישט קיין גראבע ווערטער פון כפירה, ליגט דער גיפט באהאלטן 'צווישן' די שורות, און ווער עס ווייסט נישט פונקטליך וואס די 'סייענס סטאנדארטן' זענען, און וויאזוי מען דארף איבערקוקן די ביכער, וועט אוודאי נישט אויפפאסן אויף די באהאלטענע גיפט וואס ליגט באהאלטן אזוי תמימות'דיג צווישן די שורות.

און אוודאי ווען עס קומט צו עניני הטבע, וועט דאס בשיטה מעלים עין זיין אז עס איז דא עפעס א העכערע כח וואס פירט די וועלט און אלע עניני הבריאה, נאר אלעס ווערט באשריבן לויט די געדאנקן גאנג פון די היינטיגע סייענטיסטן און כופרים, כאילו די נאטור איז עפעס א בריאה פאר זיך עפ"ל. און אויך זייער שיטה אז מענטשן מיט בעלי חיים זענען ממש אייניג אויף איין דרגא.

ווי אויך איז לא ימלט אז עס זאל זיך נישט ארייינכאפן צווישן די שורות אומאיידעלע ענינים, אזוי ווי דער פאקט האט טאקע באוויזן אין דעם ביכל וואס מפני הכבוד קען מען נישט מער ארויסשרייבן וד"ל.

### עד היכן כחה של מחאה

אבער אזוי ווי במשך די לעצטערע תקופה איז אנטשטאנען א התעוררות ביים ציבור, אז זיי זאלן וועלן וויסן וואס זייערע קינדער לערנען אין די בתי חינוך, כדי זיכער צו מאכן אז דאס וואס זייערע קינדער לערנען זענען אויסגעהאלטן כשר און ריין, האבן די עלטערן אנגעהויבן צו לייגן מער א וואכזאם אויג אויף די לימודים אין די בתי חינוך, דעריבער זענען די עלטערן אלארמירט געווארן, אז ליידער האלט מען שוין דא, אז מען טוט פאקטישע פעולות אין דעם מוסד נאכצוקומען די רעגירונג פארלאנגן וואס זיי האבן זיך נארוואס מחייב געווען, און מען האט שוין אנגעהויבן ארייינצוברענגן חכמות חיצוניות און נאך פרישע נייע סאבדזשעקטס אין די בתי חינוך.

און דא האט מען געזעהן די פירות פון די גרויסע אויפוואכונג, ווען עטליכע עלטערן האבן תיכף געטוהן למעשה און טאקע גערופן די ספעציעלע נומער דעזיגנירט פאר עלטערן צו לאזן הערן סיי וועלכע באקלאגעניש אויפן מוסד, און זיי האבן דארט ארויסגעברענגט זייערע התנגדות און אנטריסטונג אויף דעם נייעם אנשיקעניש, וואס איז געטוהן געווארן אן קיין שום דעת תורה, אדער הסכמה פון די עלטערן.

כדי צו פארמיידן א איבערקערעניש, האט די הנהלה גשמיות שנעל באפוילן מען זאל שטילערהייט ארויסנעמען די אלע ביכלעך פון די שאפעס, בדיל ויעבור.

ווי פארשטענדליך האבן די עלטערן גענומען פון דעם עפיזאד קענטעניס איבער די וויכטיגקייט אז די עלטערן זאלן האבן די שטענדיגע זהירות צו שטיין כסדר אויף די וואך, און נישט צוריקהאלטן פון זיך לאזן הערן אנטקעגן יעדע מינדעסטע נייע ערשיינונג און שינוי בסדרי החינוך.

באזונדער ברענגט דער עפיזאד אויף גאר שטארקע שפעקולאציעס, היכי תמצא אז נאכדעם וואס דער מוסד טוט אפיציעל דערקלערן אז מען צענזורירט אלע ביכער, און מען פארמאגט גאר עטליכע מפקחים וואס קוקען איבער די ביכער, זאל אזוי גלייכגילטיג פאסירן אזא שטוינדענדן מציאות עס זאל זיך געפונען אינעם מוסד ביכער וואס קומען געהעריג נאך די סטאנדארטן פון די רעגירונג, און עס זאל נאך גאר האבן א זיגל פון די מפקחים?!

דאס שאפט ערנסטע ספיקות ביי די פילע עלטערן צו די מפקחים ווייסן אפילו וויאזוי מען דארף בכלל איבערקוקן ביכער, סיי עס זאל נישט נאכקומען די רעגירונג סטאנדארט פארלאנגן, און סיי עס זאל נישט פארמאגן צווישן די שורות געמיינע אויסדרוקן און טריפה'נע השקפות פון די היינטיגע כופרים און מופקרים?!

### כל באיה לא ישובון

די דאזיגער ערשיינונג פון צווייפלהאפטיגע ביכער איז ליידער נישט קיין נייעס, מערכת 'דורותינו' האט לעצטענס ערהאלטן פון






| | | | |
|---|---|---|---|
| The Weather | Physical Science | 3-ESS2-1 | Students will obtain information and demonstrate understanding of the connections between weather conditions and seasons. |
| Life Cycles | Life Science | 3-LS1-1<br>3-LS3-1 | Students will read texts and demonstrate understanding of life cycles and the inheritance of traits from their parents |
| Night Animals | Life Science | 3-LS1-1<br>3-LS3-1 | Students will read texts and demonstrate understanding of life cycles and the inheritance of traits from their parents |
| The Butterfly Life Cycle | Life Science | 3-LS1-1<br>3-LS3-1 | Students will read texts and demonstrate understanding of life cycles and the inheritance of traits from their parents |
| Machines Push and Pull | Physical Science | 3-PS2-1 | Students will demonstrate understanding of the effects of forces on the motion of objects. |




איינער פון די עלטערן פון א גרויסע מוסד אין בארא פארק א פאטאסטאט פון א גאר טריפה'נעם ביכל.

»

# ששה מי יודע?

- ווער האט איסגעהאמערט די יסודות פון די 'פעלדער אמענדמענט'?
- ווער האט געשריבן דעם נייעם שוידערליכן 'טיים-ליין פלען וואס די מוסדות האבן נארוואס אריינגעגעבן?
- ווער האט פארפאסט די 'נעקסט דזשענערעשן' ביכער פון פערל'ס?
- ווער האט געשריבן אז דער פעלדער געזעץ איז געבויט אויף זייער קוריקולעם?
- ווער האט מודה געווען פאר די רעגירונג, אז ער האט אין עטליכע יאר, באוויזן צו מאכן ערנסטע שינוים אינערהאלב די מוסדות התורה, דורך ארבייטן צוזאמען פון אינעווייניג?
- ווער האט זיך געלערנט אינעם ציוניסטישן בר-אילן יונעווערסיטי באצאלט דורך די UJA פעדערעישאן צו מאכן רעפארם און טויש?

**- פאלגט נאך די ענטפערס אין די קומענדיגע סעריעס אי"ה -**

## טיים ליין פלאן אויסגאנג



# עטליכע מוסדות שיקן ליידער אריין טיים פלאן, 'דריי' מוסדות באווייזן העלדישקייט און טאנצן אראפ פונעם אוישוויץ וואַגאָן!

ווי באריכטעט פארגאנגענע וואך איז פרייטאג פ' ויקהל געווען דער ענדגילטיגער דאטום פאר די צען מוסדות -פון צווישן די אלע וואס זענען געפינען געווארן נישט עקוויוואלענט- אריינצוגעבן דעם שענדליכן טיים ליין פלען פאר די רעגירונג, וואס איז א פולשטענדיגע קאפיטולאציע צו זייערע פארלאנגן רח"ל.

## אל תגעו במשיחי אלו תינוקות של בית רבן

ווי עס שיינט זענען מערערע פון די צען מוסדות אריינגעפאלן אין דעם נעץ פון אגודת ישראל און זייערע פארבינדעטע, און אנגעהויבן אויסארבעטן אינאיינעם מיט די רעגירונג אינסטאנצען א דעטאלירטע טיים-פלאן אריינצוגעבן פאר די רעגירונג.

דאס יהדות החרדית אין נוא יארק איז איפגעציטערט פון די שרעקליכע מציאות וואס מוסדות האבן זיך אפיציעל אונטערגענומען צו מאכן שרעקליכע שינויים אין די מוסדות, ליידער איז געווארן הותרה הרצועה ח"ו און מ'הייבט אן אריין צוברענגן אלע לימודים אויף וואס אלע פריערדיגע צדיקים פון אלע שיכטן און קרייזן - חוץ די משכילים רעפארמער - האבן מרעיש עולמות געווען אז דאס איז א פתח צו דאס ערגסטע רח"ל, און די גאנצע זאך האט אפילו נישט קיין שום סיבה פאר וואס מען טוט עס אויסער צו געפעלן די רעגירונג ווייל אויב נישט איז דא א צל ספק אז מען וועט אפשר פארלירן די פאנדינג.

> *ונהפוך הוא...*
>
> **אינטערסאנטער פאראדאקס:**
>
> **מוסדות וועלכע האבן אגיטירט פאר פעטשוועי 6 לאדענען די רעגירונג אויף אינספעקציעס דורך טיים פלאן; די וועלכע זענען אריינגעפאלן אין פעטשוועי 7 האבן דאס אפגעזאגט!**

## לא יכרע ולא ישתחוה

פון די אנדערע זייט קומט אריין די פריידיגע בשורה אז טראץ די גרויסע דרוק פון די אגודת ישראל און אירע אפיליאירטע וואס האבן שטארק אגיטירט און דורך פארשידענע דריידעלעך געוואלט זיכער מאכן אז זיי זענען נישט די איינציגסטע וואס נעמען אן די רעגירונג'ס פארלאנגן, האבן 'דריי' פון די צען מוסדות יא געטוען כדת של תורה, און נישט צוגעשטעלט דעם טיים פלאן אויף דעם באשטימטן דאטום.

דאס איז אויסער די טייל פון די אנגעקלאגטע מוסדות וועלכע זענען אויך באשטעטיגט אלס נישט סובסטענשאלי עקוויוואלענט וואס האבן שוין ב"ה א לענגערע צייט צוריק אויפגעהערט צו קאפערירן מיט די רעגירונג פארלאנגן.

די דאזיגע ערשיינונג איז א געוואלדיגע בשורה מרנינה פארן יהדות החרדית, און דער יהדות החרדית איז מתפלל אז אפילו די איבריגע פון די צען מוסדות, וועלן זיך כאפן בעוד מועד און נישט אויספירן דאס וואס זיי האבן געשריבן אין די טיים ליין פלען און איינגעבן אין די אנגעגעבענע דאטום'ס דעם טריפה'נעם קוריקולים אויף די רעגירונג פארלאנגטע סאבדזשעקטס, און נישט צולאזן אדורך צופירן אינספעקציעס אינערהאלב די מוסדות, און דערמיט זיך צוריקשטעלן אויפן אור-אלטן אויסגעטראטענעם דרך ישראל סבא צו קעמפן פשרה'לאז אנטקעגן סיי וועלכע פארלאנג צו טוישן דאס מינדעסטע אין אונזערע הייליגע בתי חינוך.

# פתגמין קדישין

**איבער דעם מצב וואו מיר געפונען זיך!**

**וויבאלד די תורה איז העכער די טבע, דעריבער א קינד וואס איז עוסק אין חכמת הטבע, גייט בהכרח ווערן א כופר בתורת משה ה"י.**

(שו"ת הרא"ש כלל נ"ה אות ט', ועי' בשו"ת הריב"ש סימן מ"ה שעפי"ר העוסקים בחכמת הטבע הם אפיקורסים

■ ■ ■

און אונז האמיר גארנישט נאר צו קוקן אין די פיס טריט פון די פריערדיגע, און פון דעם וועלן מיר זיך נישט רירן.

**און כאטשיג די וואס זענען נשפע פונעם דור וואס איז דא די שכחת התורה טוען איבערדרייען אויך די רייד פון די פריערדיגע, און זיי הענגן אן פוסטע ווערטער אויך אין זיי, וואס איז לא הי' ולא נברא, אזוי ווי זיי זאגן** אויך פרעמדע פירושים אין פסוקים און אין מאמרי חז"ל און אויך אין אנדערע ספרים פון צדיקים.

**אבער צו די וואס זוכן די אמת, וואס רעכענען זיך זיך גארנישט מיט די השפעה פונעם דור, און זיי ווילן וויסן די דעת פון די פריערדיגע, פאר זיי איז זייער פיס טריט נאך דערקענט!** אזוי ווי רש"י זאגט, און אויף דעם קומט די הבטחה פון כי לא תשכח מפי זרעו.

(ויואל משה מאמר א' סימן קע)

---

» די האר פון קאפ שטעלט זיך אויף ווען פאר אונזערע אויגן ליגט דער בוך וואס טראגט דעם נאמען 'מאדערנע וועלט היסטאריע' און דינט פארן סעקולארן טריפה'נעם קאור סאבזשעקט פון 'סאשעל סטאדיס' \ 'היסטארי'.

גלייך ביים אנפאנג פון דעם אריינפיר צום בוך, ערשיינט א בילד וואס דאס אליין טרייסלט אויף יעדן איד, א ספר תורה אויף איין זייט, און להבדיל אלף אלפי הבדלות דער 'קאראן' רח"ל פון די אנדערע זייט!

אין בלויז אט דעם אריינפיר שטודיע, וואס דארף ברענגען די תלמידות צו פארשטיין די מאדערנע וועלט היסטאריע במשך די דורות, ווערט 'אפגעלערנט' וויאזוי דער אידישער 'רעליגיע' און צוגלייך (להבדיל אלף אלפי הבדלות) מיטן טמא'נעם קריסטליכער שמייליגער רעליגיע רח"ל, האבן אוועקגעשטעלט די יסודות פאר די דעמאקראטיע פון די וועלט עפ"ל.

דער פאפיר ערלויבט נישט אראפצוברענגען די דברי כפירה וניאוץ פון דעם שטודיע, עס איז גענוג בלויז מעתיק צו זיין פון דעם 'קעפל' פון דעם אריינפיר צו דעם ביכל, וואס ליינט זיך ווי פאלגענד:

יודע - קריסטען טראדיציע:

הויפט ציל:

קולטוראלע פארבינדונג;

'אידישקייט און קריסטענטום' לערנען די ווערדן פונעם אינדיווידואלער מענטש, 'עטישע ווירדן', און דער געברויך צו קעמפן פאר גערעכטיגקייט [עפ"ל].

טערמינען און נעמען;

אידישקייט, צען געבאטן, קריסטונטום, רוימישע קאטוילישע קירכע, "renaissance", ריאינפארמעישן,

דאס איז בלויז דער אינהאלט פון דעם שטודיע.

פרעגט זיך די פראגע, ווי האלטן מיר אויף די וועלט, און אויף וואס נאךווארטן מיר?!

עלטערן זענען שרעקליך צוטרייסלט און פרעגן מיט ווייטאג, ווען פאפט מען?! די רעגירונג? אדער די עלטערן? אדער גאר זיך אליין?

**הורי"ם מה שידברו** ■




**צו מנדב זיין א גליון, פאר הערות, און צו באריכטן נייעס, רופט: 845-237-4779** | **אזוי אויך קען מען ערהאלטן אין אימעיל אלע דאקומענטן וועלכע**
**צו באקומען דעם גליון אויף בליץ-פאסט שיקט א אימעיל צו: DOROISEINY@GMAIL.COM** | **ערשיינט וועבענטליך דורכן איישרייבן ביים איבערדערמאנטן אימעיל**